


# די מוסדות

ערשיינט אין בעפארברייטונג צום דינער לטובת מוסדותינו הק'

מוסדות יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
פעיה"ק ירושלים תובב"א

פרשת שופטים ג' אלול תשע"א לפ"ק - גליון ג'

**התרגשות דקדושה** 3

# הויכפונקט פון דינער דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

**נייע פראכטפולע צדקה פושקעס וועט פארטיילט ווערן פאר אנ"ש שיחיו**

זייט 5

מחיל אל חיל

**הנהלת המוסדות נעמט אויף פרישע עסקנים צו אויפטרייבן געלט**

זייט 3



גורל אויף א הערליכן שטריימל פאר די וואס ברענגען $100 און העכער 5



ספעציעלע גורל וועט פארקומען פאר די וואס קומען צייטליך ביז שעה 8.45 6



שיינע מתנה וועט פארטיילט ווערן פאר אלע משתתפי הדינער 6

הושענא דמתה לתמר

שיירי מצוה פון הושענות פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אלס א מתנה פאר גבאי קודש פון רמבעה"נ 7

**בהאי שעת"א כניש קוב"ה לפמליא דיליה** 4

ב"ה

# פתח לנו שער בעת נעילת שער

שוין לאנגע וואכן
וואס די כלי הקודש פון די מוסדות
קוקן ארויס

## אויף די הצלחה פון זונטיג נאכט פרשת כי תצא

**מיר וועלן זיי נישט אנטוישן חלילה**

מוסדות יטב לב
דרבינו יואל
מסאטמאר
נתייסד ע"י כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע
בהמשכת כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
עיה"ק ירושלים תובב"א

## דינער השנתי

יום א׳ כי תצא • ו׳ אלול תשע"א

עטרת שלום • ירושלים תובב"א

## התרגשות דקדושה:

# הויכפונקט פון דינער דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

ירושלים: גרויס התרגשות דקדושה ערשט אינערהאלב קהל יטב לב דסאטמאר און די חברי הקהילה, ווען די בשורה מרנינה איז אנגעקומען, אז אנשי שלומינו וועלן האבן די זכיה צו הערן דברות קודש פון איתן אדונינו עטרת ראשינו כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

די הייליגע מוסדות דאהי ירושלים עיה"ק זענען נתחדש געווארן פאר עטליכע יאר צוריק עפ"י פקודת הקודש פון רבינו שליט"א, און פון דעמאלט איז די מוסדות הקדושים קרוב ללבו פון רבינו שליט"א, "והיה על לב אהרן תמיד" ווי דער רבי שליט"א האלט מיט יעדע דבר קטן וגדול וואס גייט פאר אין חלק הרוחני און אין חלק הגשמי, און ווי שוין היינט באקאנט ביי די פילע הונדערטער געסט וואס האבן במשך די עטליכע יאר באזוכט אין די מוסדות, קומענדיג אהיים האט זיך רבינו שליט"א, נאכגעפרעגט ביי די אלע און געוואלט הערן גוטע גריסן פון די מוסדות.

גלייכצייטיג איז ווי איינגעפירט יעדעס יאר אין די ימי הרחמים והסליחות ווען די בחורי הישיבה לערנען שעות רצופות, און עס ווערט אריבערגעשיקט א קוויטל כוללות פון אלע בחורי חמד, שטעלט זיך רבינו שליט"א אפ א לענגערע צייט ביי יעדן נאמען, און קוקט איבער וויפיל שעה האט ער געלערנט בהתמדה און פרעגט זיך נאך אויף אלע דעטאלן, אויך ביי די קוויטלעך פאר די תורמי המוסדות כ"ו אב און פארגאנגענעם כ"ט שבט, ביי די גרויסע "בעבור אבותינו" נסיעה, האט רבינו שליט"א זיך ספציעל אפגעגעבן מיט די קוויטלעך פון די תורמי המוסדות.

יעצט וועלן מיר האבן די זכיה, אז רבינו שליט"א וועט רעדן פרעזנליך צו אנשי שלומינו תומכי המוסדות, און אנוואנטשן ברכות לרוב פאר אלע מחזיקי התורה.

אי"ה אין טאג פונעם מגבית וועט מפורסם ווערן די פונקטליכע שעה פונעם הויכפונקט פון די נאכט, ווען רבינו שליט"א וועט משמיע זיין דברות קודש.

**ונשמע פתגם המלך**

**מחיל אל חיל:**

# הנהלת המוסדות נעמט אויף פרישע עסקנים צו אויפטרייבן געלט

ירושלים: אין ליכט פון די גרויסע הוצאות, וואס די מוסדות גייט אריבער לעצטענס, וויבאלד די מוסדות צוואקסן זיך פון יאר צו יאר מיט נאך א כתה, און צוזאמען מיט דעם וואקסט אויך די גרויסע הוצאות פון יאר צו יאר.

האט די הנהלת המוסדות מחליט געווען צו צולייגן פרישע כוחות און חלק העסקנות פון גיין אויפטרייבן נדבות ביי אנשי שלומינו און ידידי המוסדות.

די צוויי נייע עסקנים הר"ר משה טויסיג הי"ו און הר"ר משה הירש הי"ו האבן זיך אונטערגענומען צו צושטעלן א שיינע סכום חודש'ליך לטובת די מוסדות כדי צו ארויסהעלפן פאר די ההנהלה וואס פלאגט זיך אזוי שווער מיטן חודש'ליכן בודז'שעט.

ס'איז צום האפן אז אנשי שלומינו און ידידי המוסדות, וועלן אויפנעמען די נייע עסקני המוסדות בסבר פנים יפות, בגוף ובממון, כדי זי זאלן קענען זעהן הצלחה אין זייער עבודת הקודש.

דחיקו לי שעת"א טובא

הביאו כסף מזומן או הו"ק

כדי שנוכל להשלים את המשכורת להכלי קודש

# בהאי שעת"א
# בניש קוב"ה לפמליא דיליה

עס איז געווען מיט עטליכע יאר צוריק, ווען עס איז געקומען צו פארן קיין אמעריקע אונזער אומפארגעסליכער מנהל המוסדות פון נתניה הרה"ג ר' חיים דוד יאזשעף ז"ל אויפצוטרעטן אלס נואם הכבוד ביים דינער לטובת די הייליגע מוסדות יטב לב דאהי אין ארה"ק, איז ער בשעתו אריינגעגאנגען צו כ"ק מרן הקוה"ט הגאב"ד וראש ישיבתינו זי"ע זיך געזעגענען, האט אים דער רב זי"ע געזאגט, ס'איז ידוע וואס איז געווען מרגלי בפומיה פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע ביי די הקפות די הייליגע ווערטער וואס שטייט אין זוה"ק אויפן פסוק ישמח ישראל בעושיו, אז ביי א שמחה שיקט מען אראפ די אבות הק' זיך צו מיטפרייען מיט זייערע קינדער אויף דער וועלט, און אפילו מיר זעהן זיי נישט גלייבן מיר אבער באמונה שלימה אין די הייליגע ווערטער.

די דאזיגע ווערטער האט רביה"ק זי"ע געזאגט אויך ביים הייליגן מעמד פון התייסדות "קרן הצלה" אז ביי אזא מעמד קדוש פון ראטעווען די מוסדות הקדושים אין ארה"ק וואס זענען נישט נהנה משולחן איזבל, און האט געזאגט בלשון קדשו "די אבות הקדושים און די צדיקים פון גן עדן העליון געפונען זיך היינט נאכט מיט אונז".

און רביה"ק זי"ע האט אויסגעפירט מיט די פייערדיגע הייליגע ווערטער "ווען משיח צדקינו וועט קומען וועט ער אנווייזן מיט'ן פינגער די אידן, זיי זענען וואס האבן מקרב געווען די גאולה שלימה".

האט דער רב זי"ע ווייטער אויסגעפירט: אזוי ווי רביה"ק זי"ע האט ליידער נישט איבערגעלאזט קיין קינדער אויף דער וועלט, איז דען מעגליך אז ער קומט נישט אראפ צו קיין שמחות, אין די צייט וואס ער פלעגט שטענדיג נאכזאגן דעם זוה"ק? נאר וואס דען, רביה"ק האט אויפגעשטעלט טויזנטער טויזנטער קינדערליך כ"י, תינוקות של בית רבן צאן קדשים זרע ברך ד' און זיינע אלע הייליגע מוסדות איבער דער גארער וועלט, און יעדעס מאל ווען מ'מאכט א מסיבה של מצוה לטובת זיינע הייליגע מוסדות איז דאס זיין שמחה של מצוה און מ'שיקט אים אראפ פון גן עדן העליון זיך צו קומען משתתף זיין אין דעם מעמד.

האט דער ירושלימער רב אויסגעפירט: וועגן דעם הייסט ער אלץ ביי א דינער לטובת די הייליגע מוסדות מען זאל אויסרופן די נעמען פון די נדבנים, כדי מ'זאל מזכיר זיין לטובה די אידן וואס שטרענגען זיך אן און געבן א נתינה לטובת די מוסדות הקדושים און דורכדעם וועט דער רבי זי"ע בגנזי מרומים זיין א מליץ יושר און משפיע זיין פאר'ן נדבן ישועות ורפואות און אלס גוט'ס.

האט ער ווייטער אויסגעפירט מיט א אש קודש: **א איד וואס האט דעם ריכטיגן שכל א איד א בר דעת, אין אזא זמן וואס מען זיצט ביי א מסיבה של מצוה לטובת די הייליגע מוסדות פון רביהקוה"ט זי"ע, שרייבט ער זיך אפ א קוויטל און ער ליינט עס אפ בשעת מעשה, און ער דארף נישט ארויספארן צום ציון הק', דער רבי ז"ל געפינט זיך יעצט דארט און מ'קען אין אזא זמן אויס'פועל'ן פאר זיך און פאר די גאנצע משפחה אלעס גוט'ס.**

**ווי פארשטענדליך, ווען מ'גייט צו צום צדיק, און מ'געבט איבער דאס קוויטל, פעלט זיך אויס א פדיון לטובת מוסדותיו הק', מיר וועלן געבן דעם קוויטל מיטן פדיון, און דער רבי זי"ע וועט אויסשפרייטן זיינע הייליגע הענט און אונז בענטשן בכל מילי דמיט"ב**

**ובכן אנשי שלומינו וידידינו. כאשר נתאסף כולנו בזקנינו ובנערינו. לחזק יסודות איתן מוסדותינו. נרים כולנו את ידינו. בבקשה אחת גדולה לפנינו. רבינו רבינו ברכנו. חוסה נא עלינו ועל משפחתינו. אנו צאנך ניתן את נדבותינו. ואתה אבינו רועינו תתן את ברכתינו. לכתיבה וחתימה טובה תכתבנו. ואך טוב וחסד ירדפנו.**

## צדקת רבי מאיר בעל הנס




# נייע פראכטפולע צדקה פושקעס וועט פארטיילט ווערן פאר אנ"ש שיחיו

אין די טעג פונעם דינער ווערט אפגעצייכנט 4 יאר זייט די מוסדות האט די ערשטע מאל אויסגעטיילט צדקה פושקעס אין די שטיבער פון אנשי שלומינו, אלס עסקן צו צוזאמנעמען די פושקעס איז אויפגענומען געווארן, איינע פון די גרויסע עסקנים אינערהאלב קהילתנו הק', הרה"ח ר' פסח עקשטיין הי"ו, וועלכער טוהט זיין ארבעט בנאמנות שוין עטליכע יאר, און האט שוין זייט דעמאלט אריינגעברענגט שיינע סכומים לטובת די מוסדות.

זייט דעמאלט איז שוין ב"ה צוגעקומען פרישע ינוגעלייט וועלכע ווילן האבן ביי זיך אין שטוב די צדקה פושקע פון די הייליגע מוסדות גלייבנדיג זיכער אין די רבי מאיר בעל הנס סגולה, און אין די הייליגע ווערטער פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע: "איך וועל נישט שולדיג בלייבן ווער עס וועט העלפן מיינע מוסדות". אזוי אויך פלעגט רביה"ק בעל ברך משה זי"ע אלס רעדן פון די גרויסקייט און חשיבות פון שטיצן די מוסדות, אויך רבינו הגה"ק שליט"א פאדערט כסדר פון אנ"ש צו שטיצן די מוסדות, און ווי ס'איז רגיל על לשונו "מוסדות יטב לב דארף זיין די ערשטע צדקה". אזוי אויך איז שוין ביי פילע אנשי שלומינו די אלטע פושקעס ארויס פון באנוץ, ווי מ'האט שוין געמוזט טוישן נייע פושקעס.

יעצטביים דינער וועט אי"ה זיצן דער עסקן המוסדות הרה"ח ר' פסח הי"ו און אויסטיילן די נייע צדקה פושקעס. ס'איז צום האפן אז אנ"ש - אויך די וואס האבן נאכנישט די פושקע - וועלן יעצט אהיים נעמען די פושקע וואס איז א גרויסע הילף פאר די מוסדות.

אלקא דמאיר עננו.

# גורל אויף א הערליכן שטריימל פאר די וואס ברענגען 100$ און העכער קעש

## ווענדונג פון די ההנהלה צו געבן די הבטחה במשך דעם יאר דייקא דורך הו"ק

שטייענדיג שוין ממש בעפאר דעם גרויסן דינער וואס וועט פארקומען דעם קומענדיגן זונטיג נאכט בעז"ה, גייט די הנהלת המוסדות ארויס מיט א רוף צו אנשי שלומינו, צו ברענגען ווי מער קעש צום דינער, אדער חתמ'ענען אויך הוראת קבע.

ווי געמאלדן גלייך ביים אנהייב פונעם קאמפיין, האפט די ההנהלה צו קאפירן די זעלבע זאך ווי יענע יאר אז גלייך אויף מארגן פונעם דינער האט מען געקענט אויסטיילן א השלמה פון איין חודש, דורך די קעש וואס אנשי שלומינו האבן מיטגעברענגט צום דינער.

אזוי אויך די אלע וואס האבן געחמ'עט הוראת קבע האט די ההנהלה ארויסגענומען א הלוואה פון איינע פון די נגידים בעם, הרוצה בעילום שמו, און דערקענט אויסטיילן פאר די מלמדים און מגידי שיעור נאך פיר חדשים השלמה פון די געהאלט.

שטייענדיג יעצט בעפאר דעם דינער, רופט די ההנהלה אויס מיט א געשריי מיר זענען אנגעוויזן אויף ווי מער קעש, און יעדער זאל חתמ'ענען הוראת קבע, אויף דעם סכום וואס ער האט זיך אונטערגענומען, און אזוי וועט די ההנהלה קענען ארויסבארגן א הלוואה אנטקעגן דעם סכום, צו קענען באצאלן פאר די כלי קודש.

ס'איז צום האפן אז אנשי שלומינו וועלן פארשטין דאס חשיבות פון די זאך, און זיך אנרופן ווארעם מיט ווי מער קעש, און די איבעריגע מיט הוראת קבע.

**זריזין מקדימין:**

# ספציעלע גורל וועט פארקומען פאר די וואס קומען צייטליך ביז שעה 8.45

ירושלים: כדי דער דינער זאל זיך קענען אנהייבן און ענדיגן צייטליך, און דער פראגראם פונעם נאכט זאל קענען זיך פירן ווי געפלאנט, האט די ההנהלה מחליט געווען ווי יעדס יאר אויך היי יאר צו פראקלימירן א ספציעלע "זריזין מקדימין גורל" פאר אלע וואס וועלן ערשיינען אין זאל ביז 8:45 פונקטליך.

ביים טיר פון זאל וועלן שטיין די עסקנים וואס וועלן אויפנעמען דעם ציבור און אויסטיילן ספציעלע קארטלעך פון נומערן, ווי יעדער וואס וועט קומען צייטליך וועט באקומען א נומער צו אריינגיין אינעם ספציעלן גורל.

דער גליקליכער געווינער, וועט באלוינט ווערן מיט א סערטיפיקאפט, פונעם סכום 1000 ש"ח, צו קענען איינקויפן אינעם גראסערי "חנות למען הקהילה" רח' אבן האזל 24.

ומה נעים גורלנ"ו.

# שיינע מתנה וועט פארטיילט ווערן פאר אלע משתתפי הדינער

אלס מזכרת נצח וועט די הנהלת המוסדות אויסטיילן פאר אלע משתתפי הדינער דער ווינדערליכן "סדר הקפות הבהיר" כמנהג רבותינו הק' לבית סיגעט סאטמאר. דער נייער הקפות הבהיר וואס ערשיינט צום ערשט היי יאר לאור עולם, איז מעשה ידי אומן נפלא, פון איינע פון די חשוב'ע יונגעלייט פון קהלתינו הק'.

די נייע איבערגעארבעטע 'הקפה'לע' 'סדר הקפות הבהיר כמנהג סיגעט סאטמאר', איז מבאר דעם סדר פון די מזמורים און פיוטים וואס ווערן געזאגט בשעת די הקפות, פארוואס מען זאגט זיי און ווי אזוי די פסוקים טיילן זיך צווישן די הקפות, און איז מבאר מיט א קלארקייט אלע 'מנהגים ותהלוכות הקודש' אויף יעדן טריט און שריט פון די הקפות, און איז געדריקט אויף ספעציעלן שיינער און קלארער און באקוועמער פארמאט, אויף אן אופן וואס דער גאנצער עולם מקטן ועד גדול זאל קענען מיט אלטן מיטן זאגן די פסוקים ווארט ביי ווארט צוזאמען מיטן ציבור.

א ספציעלע עקסטערע מעלה האט דער הקפות הבהיר, אז ס'איז געדריקט געווארן ספציעל אין א קליינעם פארמאט, כדי ס'זאל אריין גיין אין טאש בשעת די הקפות מיט א ספציעלן באקוועמליכקייט.

שטייענדיג יעצט ביים אנהייב חודש הרחמים והסליחות, איז פאסיג צו פארטיילן אלס מזכרת פאר אלע משתתפי הדינער דער וואנדערליכן ספר א דבר השווה לכל נפש, א זאך וואס יעדער סאטמאר'ער חסיד וועט קענען געניסן דערפון.


חדו השתא בהאי שעת"א דבי מלכ"א

בהמעמד הגדול

נזכה לשמוע דברות קודש

מכ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים

## "הושענא דמתה לתמר"

# שיירי מצוה פון הושענות פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אלס א מתנה פאר גבאי קודש פון רבי מאיר בעל הנס

ווי שוין געמאלדן אין א פריערדיגע געלגנהייט האט די הנהלת המוסדות מחליט געווען צו איינצוצן די נאכט פונעם דינער ווען אנשי שלומינו נעמען זיך צאם בהמוניהם, צו שטיצן די היילגע מוסדות און ארויסווייזן סאלידיריטעט מיט די הנהלת המוסדות פאר זייער געטרייע ארבעט במשך פון א גאנץ יאר, וועט מען בהערן אויך די גבאי קודש פון רבי מאיר בל הנס מיטן נזר רבי מאיר בעל הנס.

די גבאי קודש וואס גייען ארום צאמנעמען נדבות ביי די מנינים אין ביהמ"ד, זענען מקיים דעם גדול המעשה יותר מן העושה, און שטעלן צאם שיינע סכומים מידי חודש בחדשו, און פרוטה לפרוטה מצטרף לחשבון גדול, אויף זיי איז זיכער געזאגט געווארן דער פסוק ומצדיקי הרבים ככובים יזהירו כזוהר הרקיע, זייענדיג מזכה את הרבים טאג טעגליך צו תורם זיין פאר די היילגע מוסדות צדקת רבי מאיר בעל הנס.

וועגן דעם איז טאקע פאסיג בשעת דעם יערליכן דינער פאר די היילגע מוסדות, ואס דינט אלס כינוס לשם שמים, פאר אלע אנשי שלומינו, וואס קומען ארויסצווייזן סלאדירעטעט בגוף ובממון, פאר די היילגע מוסדות און די הנהלת המוסדות, אז די הנהלה זאל ארויסווייזן א הכרת הטוב פאר די אלע עסקנים לשם שמים, וואס טוהען א גאנץ יאר זייער עבודת הקודש בהצנע לכת, שלא על מנת לקבל פרס.

און טאקע ביים דינער וועלן די גבאים באקומען א ספעציעלע תעודה וואס אין דעם וועט ליגן שיירי מצוה פון הושענות פון רבינו הגה"ק שליט"א פון הושענא רבא תשע"א, וואס איז באוואסט פאר א ספעציעלע סגולה לשמירה והצלחה.

שיירי מצוה מעכבין את הפרעניות. (סוכה ל"ח.)

ב"ה

וכל כסף וזהב קודש הוא לד'

(יהושע ו' י"ט)

טראץ דעם וואס די הנהלת המוסדות פלאגט זיך ליידער מיט ריזיגע חובות פון אסטראנימשע סכומים

וועלן זיי מיט דיין געלט וואס דו ברענגסט צום דינער באצאלן די חובות?

ניין!

וועלן זיי מיט דיין געלט וואס דו ברענגסט צום דינער באצאלן פאר די כלי קודש?

יא!

מוסדות יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

עיה"ק ירושלים תובב"א

דינער השנתי

יום א' כי תצא • ו' אלול תשע"א

עטרת שלום • ירושלים תובב"א

כד מטא שעת"א

הגרלת "זריזין מקדימין" לאלו המקדימין לבוא עד שעה

8:45

על זכות קניה בסך 1000 ש"ח

ב"חנות למען הקהילה" רח' אבן האזל 24

מוסדות יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

עיה"ק ירושלים תובב"א

# הזמנה של מצוה

ביקרא דאורייתא, ומתוך כבוד והוקרה
הננו מתכבדים בזה להזמין את כבוד ידידינו ואנשי שלומינו מוקירי תורה ולומדיה

**לבוא ולהשתתף במסיבה של מצוה והמעמד המפואר**

# דינער השנתי

**לחיזוק וביסוס מוסדותינו הק׳ פעיה"ק ירושלים ת"ו**
**אשר ב"ה גדלה והצליחה וגם עשתה פרי קודש הילולים נאמנים לה׳ ולתורתו**

שיערך בעזהשי"ת ברוב פאר והדר

**ביום א׳ לסדר "כאשר נדרת לה׳ אלקיך נדבה" (תצא)**

אור ליום ו׳ אלול תשע"א יומא דהילולא של רביה"ק בעל ייטב לב זי"ע

**באולמי עטרת שלום רח׳ שטראוס 17 פעיה"ק ירושלים ת"ו**

בשעה 8:30 בדיוק

## בראשות הגה"צ דומ"ץ דקהילתינו שליט"א

## ונשמע פתגם המלך

דברות קודש

## מכ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

ע"י הוק-אפ

המצפים לבואכם לשלום

**הנהלת המוסדות**